ב"ה

# טעראפּי

- ענקזייעטי
- דיפרעסיע
- פאביעס
- עדיקשאָנס
- או.סי.די.
- פאניק אטאקעס
- סעלף קאנפידענס
- א.ד.ג.

גליון 89

געקליבענע בריוון פון ספר עצתו אמונה - ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב - בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

## ווי איך הייב אן זיך נעמען אין די הענט אריין?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*איך האב לעצטנס אנגעהויבן הערן די שיעורים, פול מיט חיזוק און עצות אין לעבן, אבער איך ווייס נישט ווי איך הייב אן זיך נעמען אין די הענט אריין.*

*איך מוטשע זיך מיט'ן דאווענען; שחרית גייט געווענליך בכלל נישט אריין אין מיין סדר היום, תפלין טו איך אן געווענליך אינדערהיים נאך די ארבעט, אויף מנחה פרוביר איך זייער שטארק אנצוקומען אין שול, אבער האלב פון די צייט פארגעס איך, און די זעלבע איז מיט מעריב, אפילו ווען איך דערמאן זיך פאר'ן אריין אין בעט, דאווען איך אויך נישט אלעמאל. אויך פון לערנען תורה בין איך זייער ווייט, עס קען זיך מאכן אפאר מאל א וואך וואס איך לערן פאר מערסטנס צען מינוט און נישט מער. ווי הייב איך אן? ס'איז שווער צו טון אלעס.*

*אויך פינאנציעל מוטשע איך זיך זייער, איך קען קוים דעקן די טאג טעגליכע הוצאות, שוין אפגערעדט פון מיינע קרעדיט קארד חובות וואס איז מיר געבליבן פון קויפן מיין בילעגע הויז.*

*ווי אזוי קען איך האבן סיפוק אין לעבן, ווי אזוי קען איך זיין פרייליך, ווען סיי ברוחניות און סיי בגשמיות בין איך טיף אין דער ערד?*

*יישר כח*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת תזריע, כ"ו אדר ב', שנת תשפ"ב לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

### שחרית, מנחה, מעריב מיט מנין ברענגט גרויס שפע

מוהרא"ש זאגט, ווער עס דאווענט שחרית, מנחה און מעריב מיט מנין - וועט האבן גרויס שפע, עס וועט אים נישט פעלן קיין געלט.

נעם זיך פאר צו דאווענען די דריי תפילות מיט מנין - וועסטו ארויסגיין פון דיינע חובות, דו וועסט האבן גרויס שפע.

### דאווען ביי די ערשטע געלעגנהייט

גיי נישט אריין אין ארבעט איידער דו דאווענסט שחרית, און גלייך ביים ערשטן זמן ווען מען קען דאווענען מנחה, אפילו מנחה גדולה - זאלסטו גלייך דאווענען, און אזוי אויך מיט מעריב, גלייך ווען מען קען דאווענען, ביים פריסטן זמן זאלסטו דאווענען - וועט זיך אלעס איבערדרייען ביי דיר צום גוטן.

### דאווענען איז נישט קיין שווערע זאך

מאך עס נישט אזוי שווער, דאווענען איז נישט קיין שווערע זאך. דער רבי זאגט (לקוטי מוהר"ן חלק ב', סימן ח) עוג מלך הבשן האט געוואלט הרג'ענען די אידן, האט ער זיי געוואלט צונעמען די דריי תפילות, ער האט ארויפגעלייגט א בארג אויף די דריי פרסה, משה רבינו האט געגעבן א שפרינג און אים גע'הרג'עט; דאס לערנען אונז די צדיקים, **מיר זאלן ארײנשפרינגען אין שול, איבערשפרינגען אלע מניעות און גיין דאווענען - וועט מען זען גרויסע וואונדער.**

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

## ווי אזוי קען מען וויסן וואו ס'איז דער אמת'ער פלאץ צו וואו מ'דארף גיין?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*ווי אזוי קען מען וויסן וואו ס'איז דער ריכטיגער אמת'ער פלאץ וואו מ'דארף גיין, ס'זענען דא אזויפיל רבנים און רבי'ס, ווי אזוי קען מען וויסן ווי ס'איז דער פלאץ וואו מ'דארף גיין?*

*אויך וויל איך וויסן אויב מ'טרעפט א פלאץ וואו מ'ווערט מחוזק צו דינען דעם אייבערשטן, און די עלטערן זענען מתנגד אויף דעם פלאץ, אויב מעג מען אהינגיין? און אויך וויל איך וויסן אויב איך דארף גיין צו די רבי פון מיינע עלטערן, וואס איך שפיר אז ס'איז נישטא קיין אמת דארט, דארף מען מיטשפילן מיט די עלטערן און אהינגיין זיי צו מאכן גוט שפירן?*

*א גרויסן יישר כח פאר אלעס.*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' לסדר כי תבוא לאומאן, י"ט אלול, שנת תשע"ט לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

מוהרא"ש שרייבט אין די צוואה (אות טו) א תשובה אויף דיין שאלה, איך בין דיר מעתיק א שטיקל פון די צוואה:

**"ווי אַזוֹי קֶען מֶען וִויסְן אוֹיבּ אֵיינֶער אִיז אַ פַאלְשֶׁער מַנְהִיג? דֶער סִימָן דֶערְצוּ זָאגְט דֶער רֶבִּי** (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ע"ב) **אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט צוּ אַן אֱמֶת'עֶר צַדִּיק דַאן פַּאלְט אוֹיף אִים אַרוֹיף אַ שִׁפְלוּת, עֶר פִּילְט אַז עֶר אִיז דֶער עֶרְגְסְטֶער מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר הַאלְט זִיךְ נִישְׁט גְרֶעסֶער פוּן אַ צְוֵוייטְן. אוֹיבּ אָבֶּער וֶוען מֶען גֵייט צוּ אַ מֶענְטְשׁ, אוּן מֶען בַּאקוּמְט דָארְט אַ גַאֲוָה אוּן מֶען הַאלְט זִיךְ גְרֶעסֶער פוּן אַ צְוֵוייטְן, אַז נָאר עֶר וֵוייסְט דֶעם אֱמֶת אוּן קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט דֶעם אֱמֶת, דָאס אִיז אַ סִימָן אַז מֶען אִיז בַּיי אַ פַּאלְשְׁן מַנְהִיג אוּן מֶען דַארְף אַנְטְלוֹיפְן פוּן דָארְט. פוּן אַן אֱמֶתְ'ן צַדִּיק בַּאקוּמְט מֶען שִׁפְלוּת.**

**נָאךְ אַ סִימָן אִיז דָא אַז אַן אֱמֶת'עֶר צַדִּיק אִיז מְעוֹרֵר זַיינֶע מֶענְטְשְׁן צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן אַ פַּאלְשֶׁער מַנְהִיג וֶועט רֶעדְן פוּן אַלֶעס אוֹיסֶער פוּן תּוֹרָה. דֶערִיבֶּער וֶוען אִיר גֵייט צוּ אַ מֶענְטְשׁ אוּן אִיר זֶעט אַז דוּרְךְ יֶענֶעם בַּאקוּמְט אִיר אַ חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אִיז אַ סִימָן אַז אִיר זֶענְט בֵּיי אַן אֱמֶתְ'ן צַדִּיק"**, עד כאן לשונו.

**ער לויפט צווישן מענטשן מיט א פארמאכטע האנט**

אויף די צווייטע פראגע וכו'; זאלסטו וויסן אז דער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן ו): "הַיֵּצֶר הָרָע דּוֹמֶה כְּמוֹ מִי שֶׁהוֹלֵךְ וְרָץ בֵּין בְּנֵי־אָדָם, וְיָדוֹ סְגוּרָה וְאֵין אָדָם יוֹדֵעַ מַה בְּתוֹכָהּ", דער יצר הרע איז צוגעגליכן צו א מענטש וואס לויפט צווישן מענטשן מיט א פארמאכטע האנט, ער פאפט אויס אלעמען און פרעגט זיי: "וואס האב איך אין מיין האנט?" פאר יעדן איינעם דאכט זיך אז ער האט אין זיין האנט דאס וואס ער וויל, דעריבער לויפן אים אלע נאך ווייל מען מיינט אז מען וועט באקומען די זאך וואס מען וויל, "וְאַחַר־כָּךְ הוּא פּוֹתֵחַ אֶת יָדוֹ וְאֵין בָּהּ כְּלוּם", אבער ביים ענדע עפנט ער זיין האנט און מען זעט אז עס איז גארנישט דא דארט, אזוי אויך - זאגט דער רבי - איז מיט'ן יצר הרע, "כְּמוֹ כֵן מַמָּשׁ הַיֵּצֶר הָרָע, שֶׁהוּא מְרַמֶּה כָּל הָעוֹלָם, וְהַכֹּל רָצִים אַחֲרָיו וּמְרַמֶּה לְכָל אֶחָד וְאֶחָד", ער רעדט איין א מענטש אז ער זאל אים נאכלויפן ווייל אזוי וועט ער באקומען אלע זיינע תאוות, אבער ביים סוף ווען דער מענטש גייט אוועק פון די וועלט, עפנט ער זיין האנט און מען דערזעט זיך אינגאנצן אפגעפאטשט נאכדעם וואס מען איז אים נאכגעלאפן א גאנץ לעבן אומזיסט.

**מיט וואס גיי איך אהיים?**

מוהרא"ש זאגט אז דער שיחה פון רבי'ן גייט ארויף בכלליות אויף אלע תאוות און בפרטיות אויף דעם וואס א מענטש לויפט נאך א מנהיג, א רבי וכו'; דער רבי לויפט ארום מיט א פארמאכטע האנט און אלע חסידים לויפן אים נאך, יעדער מיינט אז ער האט עפעס, ביז עס קומט דעם לעצטן טאג פון לעבן עפנט דער מנהיג זיינע הענט און מען זעט ליידיגע הענט השם ירחם; ווען מען גייט צו א רבי טאר מען זיך נישט לאזן נארן, דער עיקר דארף מען קוקן **'וואס געבט מיר דער רבי אין מיינע הענט? מיט וואס גיי איך אהיים? אויב דער רבי איז מיר מזכה מיט תורה, ער ברענגט אריין אין מיר אמונה ברורה ומזוככת, איך הייב אן שפירן ווי אלעס איז דער אייבערשטער' - דעמאלט איז גוט**, אבער סתם גיין צו א רבי וואס געבט דיר גארנישט, נאר צוליב דעם וואס דיינע עלטערן גייען דארט - איז נישט ריכטיג.

**ווען א מענטש איז נישט געזונט זוכט ער א דאקטער וואס קען אים היילן, דארט איז נישט דא די גאנצער זאך: "איך גיי צו דעם דאקטער ווייל זיין טאטע איז געווען מיין טאטענ'ס דאקטער", נאר א מענטש קוקט וואס איז גוט פאר אים, ווער היילט אים? ווער נעמט אים ארויס פון זיינע מחלות?**

**זיין טאטע איז געווען מיין טאטענ'ס דאקטער**

מען זעט בגשמיות, ווען א מענטש איז נישט געזונט זוכט ער א דאקטער וואס קען אים היילן, דארט איז נישט דא די גאנצער זאך: "איך גיי צו דעם דאקטער ווייל זיין טאטע איז געווען מיין טאטענ'ס דאקטער", נאר א מענטש קוקט וואס איז גוט פאר אים, ווער היילט אים? ווער נעמט אים ארויס פון זיינע מחלות? אזוי דארף מען קוקן ווען עס קומט צו עבודת השם. אזוי ווי דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן ל): **"דער צדיק איז אזוי ווי א דאקטער"**; ער היילט אויס דעם מענטש ברוחניות, דארף מען קוקן אויף תכלית, ווער ברענגט דיר נאנט צום אייבערשטן.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

א כתיבה וחתימה טובה, און א גוט געבענטשט יאר.

צו באקומען די גליון וועכענטליך אויף אימעיל,
טעקסט אייער אימעיל אדרעס צו: 347.651.1218
אדער שרייבט צו: trpy458@gmail.com
**קול ברסלב 212.444.9191 / בא"י 0797040066**